**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/25/2025 **KATHY HOCHUL גאווערנער**

**גאווערנער HOCHUL אנערקענט גלייכע געהאלט טאג און שטרייכט אינטער באמיהונגען צו פארמאכן די דשענדער געהאלט אונטערשיד אין ניו יארק סטעיט**

***ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון לעיבאר געט ארויס לעצטע*** [***דשענדער געהאלט אונטערשיד באריכט***]

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנערקענט גלייכע געהאלט טאג, אפצייכענדיג די אנגייענדע גרואנגעל קעגן די דשענדער געהאלט אונטערשיד און פארשפרעכענדיג צו ווייטער פארזעצן די קאמף פאר גלייכע געהאלט פאר אלע ארבעטער אין ניו יארק סטעיט. גלייכע געהאלט טאג סימבאליזירט ווי ווייט אין די יאר פרויען דארפן ארבעטן צו פארדינען דאס וואס מענער האבן פארדינט אין די פארגאנגענע יאר, אינטערשטרייכענדיג אז פרויען טוהן אפטמאל ווערן באצאלט ווייניגער ווי זייער מאנס-פערזאן קאלעגעס די אומגלייכקייט בלייבט איינס פון די גרעסטע פראבלעמען צו וועלכע די לעיבאר מארקעט איז אויסגעשטעלט איבער די סטעיט און פאלק. די ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון לעיבאר (New York State Department of Labor, NYSDOL) [האט לעצטענס אנאליזירט] נייע דאטא פון 2023 און האט געטראפן אז פרויען וועלכע ארבעטן פול טיים, לענגאויס די יאר אין ניו יארק סטעיט ווערן באצאלט 87.3 צענט פאר יעדער דאלאר וואס מענער זענען באצאלט געווארן. טראץ דעם וואס עס יאז נאך דא אסאך פארשריט צו געמאכט ווערן צו פארמאכן די לאך, ניו יארק'ס דשענדער אונטערשיד איז שמאל אין צוגלייך צו די נאציאנאלע דורכשניט פון 81.1 צענט פער דאלאר. אין פאקט, ניו יארק האט די דריטע קלענסטע געהאלט אונטערשיד צווישן סטעיטס אינעם פאלק, אינטער ווערמאנט און רהאוד איילענד.

"פרויען זענען צו אפט די ערשטע אפצוגעבן מיט א קינד אדער פארעלטערטע עלטערן, אפגעעבענדיג דערמיט זייער אייגענע פינאנציעלע זיכערהייט אין די פראצעס און אין ניו יארק זענען אונז נישט מסכים דעם אנצונעמען אלץ די סטאטוס קווא," **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אונז טוהן די שווערע ארבעט. אונז האבן אריינגעלייגט עבארשען רעכטן אין אונזער קאנסטיטוציע, גאראנטירט פרויען 20 שעה פון באצאלטע פרינאטאל אורלויב, פארברייטערט צוטריט צו טשיילד קעיר, אנטוויקעלט ארבעטקראפט אנטוויקלונג פראגראמען צו פארברייטערן געלעגענהייטן פאר פרויען און שטופן אונזער מינאריטעט און פרויען באזיצטע ביזנעס פראגראמען ( Minority and Women Owned Business Programs) - ווייל ווען פרויען האבן די פרייהייט און שטיצע צו ערגרייכן, אונזער גאנצע עקאנאמיע וואקסט. גלייכע געהאלט איז נישט נאר איבער גלייכקייט; עס איז איבער בויען א שטערקערע, מער אייניגע צוקונפט פאר אלע, און אלץ ניו יארק'ס ערשטע פרוי גאווערנער, עס איז א קאמף וועלכע איך קוק ארויס צו געווינען."

די ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון לעיבאר (NYSDOL) אנאליז האט אויך געטראפען אז פרויען פון קאליר זענען ווייטער אויסגעשטעלט צו נאך העכערע אומגלייכקייט, מיט היספאנישע פרויען און שווארצע פרויען פארדינענדיג 60.6 צענט און 67.7 צענט באזונדער, פאר יעדער דאלאר פארדינט דורך ווייסע,

נישט-היספאנישע מענער. צו לייגן די נומערן אין א צווייטע וועג, א פרוי וועלכע פארדינט די דורכשניטליכע איינקונפט אין ניו יארק סטעיט ($62,111) האט פארדינט $9,057 ווייניגער ווי איר מאנס-פערזאן קאלעגע אין 2023. אויב די געהאלט אונטערשיד בלייבט אומגעטוישט, וואלט זי פארדינט $362,280 ווייניגער ווי א מאן וועלכע פארדינט די דורשניטליכע געהאלט איבער די לענד פון א 40 יאר קאריערער.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר קאמישינער Roberta Reardon (ראבערטא רערדאן) האט געזאגט,** "גלייכע געהאלט טאג דערמאנט אונז אז מער דארף געטוהן ווערן צו פארמאכן די דשענדער געהאלט אונטערשיד. טראץ דעם וואס אונז האבן שוין געמאכט סיגניפישע פארשריט, עקאנאמישע אומגלייכקייט גייט נאך אן. דדי ארבעט פון פרויען זעצט פאר צו זיין אינטערגעשאצט און אינטערגעצאלט. דאס מוז זיך טוישן. אינטער גאווערנער Hochul (האקול'ס) פירערשאפט, וועלן אונז ווייטער פארזעצן באמיהונגען צו עלימינירן אלע צוימונגען וועלכע האלטן צוריק ניו יארקער פון דעגרייכען זייער פולע פארדינסטן פאטענציאל, אפגעזעהן זייער דשענדער."

זינט זי איז אריין אין אפיס, גאווערנער האקול איז געבליבן פאקוסירט אויף נעמען פאלק-פירענדע טריט צו פארמאכן די דשענדער געהאלט אונטערשיד. טשיילד קעיר אבליגאציעס בלייבן אן אנגייענדער צוגעבענדער פאקטאר צו די דשענדער געהאלט אונטערשיד. אין איר [2025 סטעיט פון די סטעיט אדרעס](#) און פיסקאלע יאר 2026 סטעיט עקזעקעטיווע בודשעט פארשלאג, די גאווערנער האט פריאריטיזירט א צאל פון פאמיליע-פאקוסירטע איניציאטיוון אנטוויקלט צו שאפן א מער אייניגע לעיבאר מארקעט. דאס אויפשטעצונג פון די [ניו יארק קאליציע פאר טשיילד קעיר (New York Coalition for Child Care)](#), די שאפונג פון א טשיילד קעיר שטעל פארטרעטער פול, און א 100 מיליאן דאלאר אויפבוי פאנד צו בויען נייע און רענאווירן עקזיסטירענדע טשיילד קעיר איינריכטונגען זענען אלע טייל פון די גאווערנער'ס מולטי-יאר צו רוקן ניו יארק סטעיט נענטער צו ערגרייכען יוניווערסאלע טשיילד קעיר, א וויכטיגע טריט צו פארזיכערן די פולע און גלייכע אנטיילנעמונג פון פרויען אין די ארבעטסקראפט. אינטער גאווערנער Hochul (האקול'ס) פירערשאפט, ניו יארק סטעיט האט אינוועסטירט [מער פון 7 ביליאן דאלאר צו](#)פארברייטערן טשיילד קעיר צוגענגליכקייט. גאווערנער Hochul (האקול) טוט אויך פארשלאגן א [היסטארישע פארברייטערונג פון ניו יארק'ס קינדער שטייער קרעדיט](#), ווירקונגדיג מער פון 1.5 מיליאן פאמיליעס און רעפריזענטירענדיג די איינצעלנע גרעסטע פארגרעסערונג פון די סטעיט'ס קינדער שטייער קרעדיט אין היסטאריע.

די פארשלאגן בויען אויף גאווערנער Hochul (האקול'ס) פריערדיגע שריט צו שאפן א מער אייניגע לעיבאר מארקעט. ניו יארק איז די ערשטע סטעיט אין די פאלק צו פארלאנגן 20 שעה פון [באצאלטע פרינאטאל אורלויב](#), פארזיכערענדיג אז קיין שום שוואנגעריגע ארבעטער דארף אויסוועלן צווישען א געהאלט און אן אונטערזוכונג. אין 2024, ניו יארק האט פארברייטערט ארבעטפלאץ רעכטן דורך פארלאנגן [באצאלטע צייט אראפ פאר ברוסט מילך אויסדרוק](#). מערסט וויכטיג, ביידע בענעפיטן זענען פארהאנען פאר פולקאמע און טיילווייזיג צייט ארבעטער, ווייל שטודיעס ווייזן פרויען זענען מער אויסגעשטעלט ווי מענער צו ארבעטן טיילווייזיג.

**סטעיט סענאטארטשע Jessica Ramos (דשעסיקא ראמאס) האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ מיט די ארבעט אונז האבן געטוהן אין מיטארבעט מיט גאווערנער Hochul (האקול) צו פארמאכן די ראסע און דשענדער-באזירטע געהאלט אונטערשיד. ניו יארק איז אלץ געווען א פירער אין פארבעסערן געהאלט דורכזיכטיגקייט, אויסשטאפירן באשעפטיגער מיט די מעגליכקייט צו ציען שפיץ טאלאנט און קוואליפיצירטע קאנדידאטן, מיט די מעליכקייט צו פארהאנדלען פאר די געהאלט און בענעפיטן עס קומט זיך זיי. דעס איז ווי אזוי אונז באקעמפן די פעמיניזאציע פון ארעמקייט."

**אסעמבלימעמבער Harry B. Bronson (הערי ב. בראנסאן) האט געזאגט,** "אלץ פארזיצער פון די לעיבאר קאמיטעט, איך שלאג שטארק יעדען טאג פאר א גלייכע, אריינעמענדיג עקאנאמיע, און אונז

קענען נישט האבן א גלייכע עקאנאמיע אן אייניגע געהאלט פאר יעדען. עס איז שוין צייט אונז זאלן לייגן א סוף צו די געהאלט אונטערשיד וואו פרויען ווערן באצאלט ווייניגער ווי זייער מענער קאלעגעס פאר די זעלבע ארבעט. און פאר שווארצע פרויען, נעיטיוו אמעריקאנער פרויען און לאטינא פרויען - די געהאלט אונטערשיד איז נאך מער עקסטרעם. איך וועל ווייטער ארבעטן מיט די גאווערנער, NYSDOL, מיינע לעגיסלאטיווע מיטארבעטער און די שווער ארבעטענדע פרויען פון ניו יארק צו פראמאטירן גלייכקייט פון געלעגנהייט צו פערמענאנט לייגן א סוף די געהאלט אומגלייכקייט.

די מינימום געהאלט אין ניו יארק טוט אויך פארזעצן ארויפצוגייען אלץ טייל פון גאווערנער Hochul (האקול'ס) היסטארישע, מולטי-יאר אפמאך מיט די סטעיט לעגיסלאטור. NYSDOL'ס דשענדער געהאלט אונטערשיד באריכט האט געטראפן אז די מאיאריטעט פון מינימום געהאלט ארבעטער זענען פרויען פון קאליר. דורך העכערן די מינימום געהאלט, ניו יארק טוט פארזעצן צו לייגן געלט אין די קעשענעס פון פרויען איבער די סטעיט. צו די זעלבע צייט, ניו יארק'ס געהאלט דורכזיכטיגקייט געזעץ פארלאנגט באשעפטיגער צו אריינרעכענען געהאלט שפאנען אויף אלע דשאב פאסטינגס, פארשטערקערענדיג פרויען צו מאכן בעסער אינפארמירטע קאריערע באשלוסן און פארזיכערן אז זיי ווערן באצאלט מיט גלייכקייט.

NYSDOL טוט אויך פארזעצן צו פארשטערקערן פרויען דורך איר קאריערע צענטערןדורכאויס די סטעיט. די צענטערן שטעלן צו קאריערע קאונסעלינג, פעיגקייט אנטוויקלונג, רעזומעי הילף, אינטערוויו טיפס און ריפעראלס צו הויך-פארדינענדע דשאבס אומזיסט פאר אלע ניו יארקער. די דיפארטמענט שטעלט אויך צו א געהאלט פארהאנדלונג אנווייזונג בוך צו העלפן אלע ניו יארקער מאקסימיזירן זייער געהאלט פאטענציאל.

אלץ טייל פון איר עפארטן צו אינטערשטריכן און אדרעסירן די דשענדער געהאלט אונטערשיד, NYSDOL זעצט פאר צו האלטן אן אויג און צושטעלןיערליכע אפדעיטסאויף די צושטאנד פון געהאלט גלייכקייט אין ניו יארק. די פארפליכטונג פארזיכערט דורכזיכטיגקייט און אינפארמירט דאטא-געטריבענע סטראטעגיעס צו שטיצן א לעיבאר מארקעט וועלכע שעצט און פארגיטיגט אלע ארבעטער גלייכרהייט.

פאר מער אינפארמאציע איבער די ניו יארק סטעיט דיפארטמענט פון לעיבאר איניציאטיוון צו באקעמפן די דשענדער געהאלט אונטערשיד און צו שטיצן ארבעטקראפט גלייכקייט, באזוכט די דשענדער געהאלט אונטערשיד האב.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן